בס״ד

# פרד״ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע״י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת צו תשע״ו** — **גליון 353 [שנה ח׳]**

### סמיכות פרשת ויקרא און פרשת צו

וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן לִפְנֵי ה׳ וְנִסְלַח לוֹ וגו׳: צַו אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו לֵאמֹר זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל־הַמִּזְבֵּחַ כָּל־הַלַּיְלָה עַד־הַבֹּקֶר וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ: (ו׳ ב׳) צו פארשטיין די סמיכות הפרשיות פון סוף וַיִּקְרָא און צַו? אויך רש״י זאגט אין צַו אלא לשון זרוז מִיַּד וּלְדוֹרוֹת, וואס מיינט דער מִיַּד און לְדוֹרוֹת? נאר די גמרא (מנחות ק״י) זאגט אמר ריש לקיש מאי דכתיב זֹאת הַתּוֹרָה לָעֹלָה לַמִּנְחָה וְלַחַטָּאת וְלָאָשָׁם (ויקרא ז׳ ל״ז) כל העוסק בתורה כאילו הקריב עולה מנחה חטאת ואשם, אבער דאס איז נאר ווען עס איז נישטא די בית המקדש, אבער בזמן הבית וועט נישט העלפן דעם זאגן, נאר מען דארף מקריב זיין א קרבן. קען זיין דעם רמז אין פסוק, זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה, און דעם דרש פון כל העוסק בתורת עולה, איז נאר כָּל־הַלַּיְלָה, לילה איז מרומז אויפן גלות און אזוי וועט זיין, עַד־הַבֹּקֶר, בימי הגאולה בב״א, דעמאלטס וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ, מוז מען ברענגען דעם קרבן בפועל. מיט דעם איז גוט דערווארט מִיַּד מיינט ווען עס איז דא א משכן און בית המקדש, דארף מען מקריב זיין א קרבן בפועל ממש, און לדורות מיינט אז מען איז מקריב א קרבן מיט תּוֹרַת הָעֹלָה. און לויט דעם קען מען מסביר זיין די סמיכות הפרשיות, וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן לִפְנֵי ה׳ וְנִסְלַח לוֹ, אז דאס איז גוט ווען עס איז דא א משכן און א בית המקדש, אבער וואס וועט זיין ביים חורבן אין גלות יט וואס וועט זיין א כפרה? דעריבער שטייט גלייך נאכדעם צַו, א לשון פון לְדוֹרוֹת אז זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה, כל העוסק בתוֹרת עוֹלה כאלו הקריב עולה, און מען האבן א כפרה.

(שמח זבולון עפ״י ס׳ אמרות טהורות און ס׳ עפעפי שחר – הגאון ר׳ שמואל טייב)

### לֵאמֹר, צו וועמען דארפן זיי דאס זאגן

צַו אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו לֵאמֹר: (ו׳ ב׳) פרעגן די מפרשים פארוואס שטייט לאמר, צו וועמען דארפן זיי דאס זאגן? נאר די תורה הק׳ רעדט צו די כהנים וואס דארפן מקריב זיין קרבנות און בפרט קרבן עולה וואס איז אנדערש פון אנדערע קרבנות, און כדי זיי זאלן נישט פארגעסן די הלכות, זאלן זיי כסדר חזרן די הלכות, דאס מיינט לאמר, איבער חזרן. פון דעם איז דא א לימוד, מה דאך קרבנות וואס די כהנים האבן דאס כסדר מקריב געווען איז דא די חיוב פון איבער חזר׳ן, איז כ״ש ביי א מצוה וואס קומט אויס איינמאל א יאר דארף מען אוודאי חזרן, דעריבער איז די הלכה אז מען דארף לערנען פאר יעדן יו״ט די הלכות פון חג בחג ווייל א מענטש קען פארגעסן פון פאריארן. (חי׳ ר׳ יוסף נחמי׳ קארניצער)

### די עבודה פון נאכט איז אויך חשוב

צַו אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו לֵאמֹר זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה: (ו׳ ב׳) דארף מען פארשטיין פארוואס ביי עולה שטייט: צַו אֶת־אַהֲרֹן, און ביי חטאת שטייט דַּבֵּר אֶל־אַהֲרֹן (ו׳ י״ח) נאך דארף מען פארשטיין וואס מיינט ״הִוא״ הָעֹלָה עס וואלט געקענט שטיין נאר זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה, הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה? נאר ביי קרבן עולה איז געווען די עבודה ביינאכט, און עס האט זיך געצויגן ביז אינדערפרי, און מיר טרעפן אין די גמ׳ (יומא כ״ב ביי די עבודה פון די נאכט איז דא א חשש אז די כהנים ווען זיין פויל, ווייל עס איז נישט אזוי חשוב ביי זיי, און אויך שטייט אין אנהויב מס׳ ברכות, הקטר חלבים ואימורים פון די קרבנות האבן די חכמים מחמיר געווען עד חצות, כדי להרחיק אדם מן העבירה, וועגן די חשש פון עצלות, דעריבער איז ביי עוֹלה א מצוה פון מזרז זיין די כהנים, וועגן דעם שטייט, צַו, א לשון פון זירוז. און דעריבער שטייט ״הִוא״ הָעֹלָה. ווייל דאס איז די עיקר סיבה, ווייל עס איז א עולה דעריבער שטייט צַו אז מען דארף באווארענען די כהנים אז די עבודה איז חשוב און נישט זיין פויל. אבער ביי די קרבן חטאת וואס די כהנים עסן פון דעם, און כל זמן זיי זענען נישט מקריב די אימורים איז עס אסור באכילה, וועלן די כהנים זיך מזרז זיין צו ענדיגן שנעלער די עבודה, דעריבער שטייט דַּבֵּר און נישט צַו. (בנין אריאל ר׳ שאול אמשטרדאם)

### קשוט עצמך ואח״כ קשוט אחרים

צַו אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו לֵאמֹר: (ו׳ ב׳) דער ריכטיגער דרך פאר א בעל דרשן וואס זאגט מוסר איז ווי חז״ל זאגן (ב״מ ק״ז:) קשוט עצמך ואח״כ קשוט אחרים, פריערט זאל מען זאגן מוסר פאר זיך און זיך אליין פאר רעכטן און נאכדעם קען מען פארעכטן אנדערע. דאס איז דער רמז אין פסוק: אהרן ובניו זענען די ראשי העם, וואס קומען מכפר זיין אויף כלל ישראל מיט זייער עבודה לפני ולפנים, און זיי דארפן זאגן מוסר פאר כלל ישראל, איז פריערט: צַו אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו, זיי זאלן זאגן מוסר צו זיך און זיך פארעכטן און נאכדעם, לֵאמֹר: קענען זיי זאגן מוסר צו כלל ישראל, און אזוי וועט נתקבל ווערן וואס די כהנים וועלן זאגן פאר די אידן. (אור המאיר – ר׳ זאב וואלף זיטאמיר)

### מחיית המלק דורך קאכן אין עבודת ה׳

וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ: (ו׳ ב׳) וְאֵ״ש איז דער נוטריקון והיית אך שמח, (אמרי חיים וויזניץ) מען קען צולייגן צו דעם, אז אֵשׁ המזבח איז מרומז אויף חִיּוּת וואס א מענטש דארף האבן ביי טאן א מצוה, ווי עס שטייט אין הייליגע ספרים, דאס הייסט לערנען און דאווענען מיט א ברען און ווארעמקייט, אבער חִיּוּת קען מען נאר האבן אז מען איז בשמחה, ווייל א צובראכענער מענטש האט נישט קיין חִיּוּת, דאס איז דער רמז וְאֵ״ש: ר״ת והיית אך שמח, אז דו וועסט זיין בשמחה, וועט זיין תּוּקַד בּוֹ, וועט ביי דיר ברענען א חִיּוּת דקדושה. מען קען אויך זאגן אז קריאה מעורר הזמן און מען האלט יעצט אין די טעג פון פורים וואס דער עיקר איז די מצוה פון מחיית עמלק, און דער הייליגער בית אהרן קארלין טייטשט אשר קרך בדרך מיינט עמלק זוכט צו קאלט מאכן דער מענטש אין עבודת ה׳, ממילא לעומת זה, מיט וואס איז מען מקיים דעם מחיית עמלק? מיט אש המזבח, מען טוט מצוות און מען דינט דער אויבערשטער מיט א קאך, מיט דעם וועט מען אויסמעקן עמלק. (שמח זבולון)

### אמונה אין השגחה פרטית

וַיְהִי אֹמֵן אֶת־הֲדַסָּה: (אסתר ב ז) אֹמֵן איז א לשון פון אמונה, און דער לשון איז א הֹוֶה, ער האלט אין איין ארייינלייגן אמונה! ווייל מרדכי הצדיק האט ארייינגעברענט אין אסתר שטענדיג אז אלעס וואס וועט פאסירן מיט איר, איז אלעס בהשגחה פרטית פון אויבערשטן און איז לטובת דעם מענטש, און נאר דורכדעם האט זי זיך געקענט האלטן שטארק מיט איר אמונה בבית המלכות. און דער לימוד איז לדורות אזוי ווי די גמ׳ (מגילה דף ז.) זאגט אסתר האט געבעטן די חכמים כתבוני לדורות, ממילא אז א איד וויל זיך האלטן אין די שווערע גלות איז נאר מיט אמונה אין השגחה פרטית. אביסל צום פריערדיגן תורה אז מחיית עמלק איז דורך ווארעמקייט און קאך אין עבודה, דער הייליגער בית אהרן דארטן האט נאך א טייטש אין אשר קרך מיינט א מקרה א באטרעף, דאס מיינט עמלק וויל אויסרייסן דער ענין פון אמונה אין השגחה פרטית, און דאס האט מרדכי ארייינגעלייגט אין אסתר די כח צו מנצח זיין אויף המן, עמלק, דורך אמונה אין השגחה פרטית, און דאס האט אסתר איבער געגעבן לדורות, אגב: שטייט פון הייליגע ריזינער זצוק״ל אז פאר משיח וועט קומען וועט זיין דער נסיון אויף אמונה און מען וועט זיך נאר קענען האלטן מיט התקשרות צו צדיקים. (שמח זבולון)

**מיר ווינטשן אלע אידן א פרייליכן פורים**

# מדור העובדות
# פון דערציילן א מעשה איז געווארן א רפואה

דער הייליגער צדיק ר' ירחמיאל משה פון קאזניץ זצוק"ל [בן הרה"ק ר' יחיאל יעקב זצוק"ל, ער איז נסתלק געווארן זייענדיג 20 יאר אלט און איבערגעלאזט זיין זון ירחמיאל משה און א טאכטער. זיין רביצין האט חתונה געהאט מיט הרה"ק ר' אשר מסטאלין און האט געהאט א הייליגן זון דער ינוקא פון סטאלין הרה"צ ר' ישראל זצוק"ל. ר' ירחמיאל משה האט זיך געוויגט ביים הייליגן בית אהרן זיע"א און געשריבן דעם ספר "סידור בית אהרן" מנהגים פון בית אהרן.] דער אייניקל פון הייליגן קאזניצער מגיד האט געהאט א מנהג אז אויב איינער האט גערדארפט א ישועה פלעגט יענער קומען אויף שבת קיין קאזניץ און אויב דער רבי האט דערציילט א ענדליכע מעשה ביי שלש סעודות האט דער איד וואס האט גערדארפט א ישועה שוין געוואוסט אז ער איז א געהאלפענער. אין ווינטער תרס"ה האט הרה"ח ר' אלעזר דוב פון יעחוב מחבר ספר ספרן של צדיקים, געקומען קיין קאזניץ פאר פסח ווייל זיין ווייב איז געווארן נישט געזונט לא עלינו. ער איז אריין צום רבי'ן ערב שבת קודש מיט א קוויטל און דער רבי האט אים אויס געפרעגט דעם מצב אבער דער רבי האט אים גארנישט געענטפערט. דער חסיד האט שוין געוואוסט די הנהגה פון צדיק און האט געהאפט אז דעם שבת וועט זיין א ישועה. שבת ביי קריאת התורה האט דער רבי אים מכבד געווען מיט הגבה און געמאכט א מי שברך לחולה. דער חסיד האט באקומען א האפענונג אז אלעס וועט זיין בסדר.

ביי שלש סעודות, נאכן זמירות און דברי תורה, פלעגט דער רבי דערציילן א מעשה און דער חסידווארט מיט גרויס האפענונג, און אט! דער רבי קוקט אים אן און דערציילט: ביים הייליגער נישכיזער הרה"ק ר' מרדכי זצוק"ל איז געווען א מקורב, ר' לייב, וואס זיין ווייב איז אים פלוצלינג קראנק געווארן און איז געפארן צו זיין רבין אין נישכיז אויף שבת. דער הייליגער חוזה מלובלין פלעגט אפט קומען צום נישכיזער אויף שבת. דער לובלינער האט געהאט א מנהג צו טרינקען מי דבש, מעד, ביי שלש סעודות, און אין נישכיז האט ער געפירט שלש סעודות פאר זיך אליין. יענעם שבת איז דער לובלינער אויך געווען אין נישכיז און דער חסיד ר' לייב האט געבעטן רשות פון דעם נישכיזער צו גיין צו די שלש סעודות פון חוזה! און דער הייליגער נישכיזער האט מסכים געווען.

ביים טיש פלעגט דער חוזה מכבד זיין אידן מיט א פלאש מי דבש און געטרונקען מיט זיי לחיים. דער חוזה האט אויך מכבד געווען ר' לייב מיט א פלאש מי דבש און געטרונקען לחיים און ער ווינטש א רפואה פאר זיין ווייב! ר' לייב איז נשתומם געווארן אז דער חוזה האט געזען און אים געוואונטשן און זיין רבי האט אים גארנישט געזאגט דעם שבת! מוצאי שבת ווען ר' לייב האט געזען זיין רבין האט דער נישכיזער וואס האט מרגיש געווען די מחשבה פון זיין חסיד און געזאגט פאר ר' לייב: דער חוזה זעהט און זאגט איך זעה און זאג גארנישט, אבער יעצט וועל איך דיר שוין זאגן, דיין ווייב האט שוין יעצט א רפואה און נעכטן ערב שבת האט זי געבעטן דיין דינסט זי זאל גיין מיט איר אין מארק איינקויפן לכבוד שבת. ווען דו וועסט אהיים קומען וועסטו איר טרעפן געזונט! און כך הוה.

ווען די חסידים ביים קאזניצער האבן געהערט די מעשה האבן זיי געזאגט ר' אלעזר דוב: קענסט זיכער זיין אז דיין ווייב איז יעצט געזונט. ר' אלעזר דוב האט נישט געדארפט זייערע סימנים ער איז געווען אין זיבעטן הימל פול מיט פרייד, ער האט שוין געווארט אויף אזא מעשה! א פאר טעג ארום איז אנגעקומען קיין קאזניץ א איד פון יעחוב, און ר' אלעזר דוב האט איהם געטראפן ביים רבין, און האט אים געפרעגט וואס ער האט געהערט פון זיין ווייב? האט ער זיך געוואונדערט ווייל ער האט גארנישט געוואוסט אז זיין ווייב איז נישט געזונט. האט זיך דער רבי אנגערופן בזה הלשון " פייִנסְקֶע חַארַאבִּי" זי איז שוין געזונט. צו מארגנס האט ר' אלעזר דוב באקומען א בריוו פון שטוב אז דער מצב איז ב"ה אסאך בעסער און ווען ר' אלעזר דוב איז אהיים געקומען האט זי שוין געהאט א גאנצע רפואה. מיט א סיפור האט דער קאזניצער ממשיך געווען א רפואה זיע"א.

## א מעשה ביי די באבא סאלי וואס איינער איז געהאלפן געווארן וועגן טרינקען אסאך

ביי דער הייליגער בבא סאלי זצ"ל איז געקומען א פאר פאלק וואס האבן נישט זוכה געווען צו קינדער א לענגערע צייט און דער מאן איז אריינגעגאנגען צום בבא סאלי, וואס הערט אויס זיין בקשה און ער נעמט ארויס א פלאש אַרַאק, אזא בראנפען, און גיט פאר דער יונגערמאן א גלאז, וואס מאכט א ברכה, און ער טרינקט נאר אביסל פון כוס, אבער דער בבא סאלי הייסט אים אויסטרינקען דעם גאנצן כוס, בלית ברירה טרינקט ער דאס אויס, און דער בבא סאלי נעמט דעם כוס און פילט דאס אן ווייטער מיט אראק און ער הייסט אים טרינקען די גאנצע כוס און אזוי גייט דאס אן ביז דער יונגערמאן זאגט ער קען שוין נישט! שרייט אים אן דער בבא סאלי: "ווילסט געהאלפן ווערן, זאלסטו טרינקען, און אויב דו ווילסט גיין, קענסטו גיין, איך צווינג דיר נישט"! דער יונגערמאן האט פארשטאנען אז מיט דעם טרינקען וועט ער געהאלפן ווערן און זאגט ער וועט טרינקען ביז מסירת נפש, און אזוי האט ער געטרונקען ביז ער איז אראפגעפאלן אויף די ערד פון רוב שיכרות. יעצט זאגט אים דער בבא סאלי זאג וועגן וואס ביזטו געקומען? און דער יונגערמאן נעמט זיך וויינען אז ער וויל האבן קינדער. קוקט אים אן דער בבא סאלי און זאגט קענסט גיין דו ביזט שוין א געהאלפענער, און דעם יאר האט ער געהאט א בן זכר. און איז געקומען צו דער בבא סאלי מיט א מתנה און אים דאנקען פאר די ישועה. דער יונגערמאן האט געהאט שטאלץ און האט געפרעגט פארוואס דער צדיק האט אים גערדארפט אזוי פייניגן און אנטרינקען צו באקומען זיין ישועה? האט אים דער בבא סאלי געענטפערט מיט ליבשאפט און געזאגט: "דו ביזט א עושר און א איש מכובד ממילא זענען דיינע תפילות געמישט מיט גאות, וועגן דעם גייט נישט ארויף דיינע תפילות אבער נאכן טרינקען אסאך ביזטו געווארן בתכלית השיפלות ממילא זענען דיינע תפילות ארויפגעגאנגען צום כסא הכבוד און ביזט געהאלפן געווארן". [צַעְקַת הַדַל ווער עס האלט זיך קליין, תַקְשִׁיב, הערט זיך צו דער אויבערשטער, וְתוֹשִׁיעַ, און ער העלפט. המו"ל]


## די שענסטע מתנה פאר פורים

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן -

א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה"ג ר' יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש"י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות$13000. סידור תורה אור חב"ד געדרוקט אין שנגהאי תש"ו זייער זעלטן $6000. ספר יעקב וישראל מיט פול הגהות בכת"י $1000

תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר. תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר. תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר. הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה. ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים. ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה. תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000. א בריוו פון ר' אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו. ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. הכתב והקבלה דפוס ראשון. ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מעריק. א גמרא פון הרה"ג ר' אברהם פאם זצ"ל $180. א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600. קומט אריין און איבערציינגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר.

4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at ***WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- http://ladaat.info/gilyonot.aspx אדער אויף לדעת